# דאס איז דער סוף !

## מסרים פון אוטיסטים, אלול תש״ע

״מיום שחרב ביהמ״ק נטלה נבואה מן הנביאים וניתנה לשוטים״... (בבא בתרא י״ב)
(פון טאג וואס עס איז חרוב געווארן דער בית המקדש איז צוגענומען געווארן די נבואה פון די נביאים און געגעבן געווארן צו די שוטים).

*<u>אינהאלט</u>*


1 איר פארשטייט נישט? דאס איז דער סוף!
2 די גאנצע וועלט וועט זיין אין פאניק.
3 "קדושים תהיו" (הייליג זאלט איר זיין) איר האט פארגעסן?
4 דער פאלק פאנגט אן צו פילן שרעק.
5 די געפאר-פולע שווייגעניש.
6 מען מוז זיך באהעפטן צו הקב"ה.
7 א קליין בליק צום צוקומפט.
8 דער עגל הזהב וואס גוסס'ט.
9 ווען אלע בענק (בנקים) וועלן פאלן.
10 נאך די טראגעדיע פון די באן.
11 ווען דער ראזער באלאן וועט זיך צופלאצן.
12 דער לעצטער טייל פון די היסטאריע.
13 איך נעם ארויף טרערן אין מיינע אויגן.


* צו הערן די מסרים אין טלפון : 03-977-00-77
* צו באקומען די בלעטער צו צושפרייטן : 0527-120-948
* צו מזכה זיין דעם רבים - ביטע גיבט אריבער ווייטער דעם בלאט
* דעם בלאט דארף מען לייגן אין גניזה

הדפסה: ירושלים, ט' כסלו תשע"א.



*<u>1 איר פארשטייט נישט דאס איז דער סוף!</u>*

א מסר פון יצחק אייזיק אב תש"ע

איך וויל זייער רעדן ווייל עס דריקט אויף מיר עטליכע וויכטיגע זאכן, וואס איך האב ביז יעצט נישט געקענט זאגן, און יעצט זאג איך:

פאר א מדינה גייט ארויס אין א מלחמה, די ערשטע זאך וואס זי טוט איז צו צוריקברענגען איר פארשטייער (שגריר) צו זיך אין לאנד, כדי ער זאל נישט זיין אין א געפאר, און זיי טוען צוויסן אז זיי פאנגען אן א מלחמה.

און יעצט אין די לעצטע 10 יאר האבן אסאך גדולים פארלאזט אונזער וועלט, און דאס איז נישט דער ענד. נאך און נאך וועלן פארלאזן די וועלט, און דאס איז א צייכן אז די וועלט גייט אריבער א שווערן פראצעדור(תהליך) דער לעצטער פראצעדור פאר די גאולה.

גרייט זיך! גרייט זיך! ווייל אין נאנטן צוקומפט דארף זיין א המשך צו די זאך, און וואס קענען מיר טאן?

און פארוואס נעמט השי"ת צו אונזערע צדיקים?

ווייל די צדיקים דאווענען אין הימל און בעטן צום אויבערשטן נעבן כסא הכבוד ער זאל ראטעווען זיין פאלק, אבער עס איז נישט גענוג אז נאר די צדיקים זאלן דאווענען נעבן כסא הכבוד, (ד.מ. די צדיקים וואס גייען אוועק פון די וועלט) דער פאלק דא אויף די וועלט מוז דאווענען, ווייל ווען נישט, האבן די צדיקים אין הימל נישט קיין כח, אן אונזער תפילות און אן אונזער תשובה האבן זיי נישט קיין קראפט, דעריבער בעט איך זייער זייער, אז אלע אידן זאלן בודק זיין ביי זיך און ארויסנעמען יעדן פגע, יעדע זאך וואס גייט נישט מיט תורת משה, יעדע זאך וואס איז קעגן דעם אויבערשט'נס ווילן און תשובה טאן אויף דעם, נאכקוקון שטארק יעדן פרט און פרט, און טאן אמת'דיג תשובה אפטיילן צווישן אונז און צווישן דעם שמוציגען עוה"ז, דער עולם השקר, לייגן מחיצות ארום אונז, ארום אונזער משפחה, אפטיילן צווישן אונז מיטן עוה"ז צווישן אונזערע קהילות מיטן עוה"ז.

דאס איז די איינציגע זאך וואס וועט אונז ראטעווען, ווייל אן אונזער תשובה, און אן אונזערע טרערן, אן אונזערע אמת'ע תפילות דאן איז גארנישט דא, דאן איז נישטא קיין תפילות ובקשות אין הימל די צדיקים אין הימל קענען אונז דאן נישט העלפן, נאר ווען מיר ווילן זיך העלפן, דאס וואס איך האב צו זאגן.

(א ווענדונג צו די פרויען וואס זענען געווען אנוועזנד און זיי זענען עוסק אין זיכוי הרבים און חיזוק אין צניעות).

איך ווייס אז עס איז אייך זייער חשוב די צניעות "און די קדושה איז באמת דער יסוד פון די וועלט" עס איז נישטא עפעס וואס איז חשובער ווי קדושה, ווייל אין די קדושה איז אריינגערעכנט אלעס, אויך שמירת הלשון אלע חוקים אלע מצוות די עשרת הדברות אלעס איז געשטעלט אויף די קדושה "און אויב האבן מיר נישט די קדושה האבן מיר גארנישט" די הייליגע נשמה פון יעדן איד, פארנעמט נישט קיין טומאה אדער יעדע רוחניות'דיגע שמוץ, די נשמה קען נישט פארנעמען עפעס וואס איז נישט לויטער, עפעס וואס איז נישט הייליג, און דעריבער, אן קדושה האבן מיר גארנישט.

איך וויל אייך אויך זאגן, אז אלע צדיקים און צדקניות זענען א מוסטער פון קדושה, און די אידן וואס ווילן שטייגן אין קדושה און ווערן נענטער צו הקב"ה, זאלן זיי עס טאן פון אינווייניג און פון דרויסן, אין יעדן פלאץ און אין יעדן צייט, אין יעדע הנהגה און יעדע מצוה וואס מען טוט, דארף מען זעהן עס זאל

זיין אינגאנצן בקדושה, און די אידן וועלן מקבל זיין משיח צדקנו.

איך וויל אייך זאגן אז איך האב געהאט א זיידן א גרויסער צדיק און א קדוש, ער איז געווען ממש א קדוש, און ער שטייט נעבן כסא הכבוד און ער וויינט, ווייל ער איז געווען און ער איז א גרויסער אוהב ישראל, און א גרויסער אוהב ה', און ער שטייט נעבן כסא הכבוד און ער וויינט און ער קען נישט אויפהערן ער שטייט נאכאנאנד אן קיין אפהאלט בייטאג און ביינאכט וויינט ער אויף כלל ישראל, אבער ער האט שוין נישט קיין כח, ווייל דא אויף די וועלט וויינט מען נישט גענוג און מען דאוונט נישט גענוג און מען איז נישט גענוג זיך משתדל.

אבער דאך זענען דא אביסל אידן יחסית וואס דאווענען און וויינען אין די תפלות גיבן אים א כח, אבער דאס איז זייער ווייניג און ער ווערט אפגעשוואכט,טראץ דעם איז ער ממשיך צו וויינען און מתפלל זיין און בעטן אז עם ישראל זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין משיח צדקנו מיט רחמים.

אבער זייער ווייניג דאווענען באמת און זענען זיך משתדל באמת, און דערפאר גייט זיין א שווערער מצב הקב"ה וועט דארפן נעמען נאך צדיקים ל"ע כדי זיי זאלן ארויפגיין אויבן און זיי זאלן מתפלל זיין און וויינען אויף עם ישראל, ווייל אונזערע תפילות דא זענען ווייזט אויס נישט גענוג, און דעמאלס וועלן אראפקומען אויף די וועלט די שווערע מכות פון סוף העולם, דאס האט זיך שוין בעצם אנגעפאנגען אבער עס וועט ווערן אסאך ערגער, עס וועלן זיין וואונדערליכע זאכן, און זייער שרעקעדיגע זאכן, און צום סוף ווייס איך נישט וויפל אידן וועלן מקבל זיין משיח.

אבער צום סוף וועלן מקבל זיין משיח די אמת'ע אידן, נשמות וואס זענען געשטאנען ביים בארג סיני, וואס ווי עס זעהט אויס זענען יעצט דא זייער ווייניג פון זיי אויף די וועלט, און די אלע וואס זענען אמת'ע אידן וועלן געראטעוועט ווערן, נישט קיין אונטערשייד אוואו זיי געפינען זיך, און ווער זיי זענען,השי"ת וועט זיי ברענגען צום אמת, צו זיי ווילן צו נישט די ערב רב וועלן נעלם ווערן און צוזאמען מיט זיי רוב גויים פון די וועלט, די רשעים וואס האבן שלעכט'ס געטאן פארן פאלק ישראל במשך אלע דורות.

דעמאלס בעז"ה וועל איך ווייטער קענען זעהן מיין זיידן, און מקבל זיין משיח צדקנו, און קומען צום ביהמ"ק צו די קרבנות וכו'.

איך וויל אייך אויך זאגן, אז ווער עס קעמפט (נלחם) אויף קידוש ה', און ער שטעלט זיך איין, דער איז זייער באליבט אין הימל און דאס גיט כח פאר די תפילות פון מיין זיידן און נאך פיל צדיקים וואס שטייען נעבן כסא הכבוד און וויינען מיט טרערן, דאס גיט זיי פיל כח, נאר דאס איז דער איינציגער מיטל צו מילדערן דעם פיין. (סבל).

די גאולה שלימה וועט קומען מיט אלע הייליגע נבואות פון די נביאים פון כלל ישראל, און דאן אויב מיר וועלן שוין האבן תשובה געטאן, וועלן מיר עס אריבערגיין בעז"ה גרינג, עס איז אבער קלאר אז ווער עס געהערט נאך צום שקר אפילו נאר אזוי דין ווי א האר וועט נישט קענען לעבן אין א וועלט פון אמת, ער וועט פשוט נישט קענען.

איר פארשטייט נישט? דאס איז דער סוף! אלע עבירות וואס זענען געווען אין די היסטאריע אלע רשעים וואס זענען אמאל געווען אלע געפינען זיך היינט דא, איר פארשטייט נישט? מען דארף שטארק דאווענען, דער מצב היינט איז די ערגסטע און די שווערסטע וואס איז נאר אמאל געווען, פארהאן פארשידענע סארטן גלגולים פון נשמות עס איז פארהאן צווישן אידן אזעלכע וואס זענען **ערב רב**, אדער **עמלק**,



פארהאן צומישטע, און עס זענען פארהאן זייער ווייניג וואס זוכן דער אמת רוב זענען צומישט, און מען דארף זיי העלפן פארשטיין דעם אמת,און דאס וואס ה' וועט טאן, אדער מיט אסאך **פיין** אדער מיט ווייניג (לויט יעדנ'ס דרגה) וועט ער זיי ברענגען צום אמת.

איך בין פריילאך אז איך קען רעדן, וואס איך האב אין הארצן ה' האט מיר געשיקט אין א שווערן מצב, איך ווייס אז איך דערווייטער מענטשן (דוחה) און מען קען מיר נישט פארליידן אבער איך האב זייער א הויכע נשמה, און איך לייד זייער זייער פיל, און איך וויין אויך אויף עם ישראל, און איך דארף שטארק א תיקון, און דאס איז מיין תיקון צו העלפן כלל ישראל זיך אומקערן בתשובה, דער מסר העלפט מיר זייער פיל.

איך וויל אויך זאגן אז די זייערע שווערע זאכן וועלן זיך אנפאנגען אין נאנטן צוקומפט סיי אין ארץ ישראל און סיי אין די וועלט.

(איינער האט געוואלט עפעס פרעגן)

נישטא וואס צו פרעגן, מען וויל שוין נאר די גאולה, אויך מיר איז שוין נמאס צו זיין א נעבאכדיגער אוטיסט איך וויל שוין נעמען א גמרא און לערנען, אמאל בין איך געווען א גרויסער תלמיד חכם, א חשוב'ער מענטש, אבער יעצט בין איך אזוי, אבער עס קומט מיר, און דאס איז מיין תיקון און איך פריי זיך מיט דעם.

איך וויל אייך זאגן: גרייט זיך. די וויכטיגסטע זאך כדי צו בלייבן אין די תקופה,אויסער קדושה, איז צו האבן בטחון אין ה', זיך נישט פארטומלען, זיך פארזיכערן אינגאנצן אין הקב"ה, גלויבן מיטן גאנצן הארץ אז ער ברענגט אלע גוט'ס, און אויך די שלעכט'ס,אבער ער וועט אונז ברענגען צו די גוט'ס און אויב עס איז נישטא וואס צו עסן, וועט ער אונז געבן עסן און אויב מען דארף טרינקען וועט ער אונז געבן טרינקען און אויב מען דארף א ארט צו שלאפן וועט ער אונז ברענגען א שטוב מיט א בעט, און אלעס וואס מיר דארפן נישט דאגה'ן און נישט מורא האבן.

נאך א קורצע צייט וועלן מיר זיין אין א מצב ווי דער דור המדבר, דער דור המדבר וואס איז ארויס פון מצרים פאר זיי איז אלעס קלאר געווען, זיי האבן באקומען אלס וואס זיי האבן געדארפט גלייך פון השי"ת, דער אמת אז אויך היינט איז אלעס פון אים, אבער בדרך כלל באמערקן מיר נישט און מיר זעהען עס נישט קלאר, אבער נאך אביסל וועט אלעס זיין קלאר מען דארף האבן אסאך בטחון וויסן ווי עס צו אנעמען און **נישט שטארבן פון שרעק** ח"ו נישט מורא האבן, השי"ת וועט אונז געבן אלעס וואס מיר דארפן, עס איז זייער חשוב נישט צו פארגעסן, זיך פארזיכערן אין ה'.

(א גאסט – די וועלט קוקט אויס משוגע)

די שלעכט'ס איז פשוט משוגע געווארן, די שלעכט'ס איז צושפילט און וויבאלד די שלעכט'ס האט נישט קיין אנדער מטרה אויסער טאן שלעכט'ס, האט ער נישט וואוהין צו גיין, און וויבאלד ער גייט אונטער, ער צונעמט זיך, דעריבער קאמאנדעוועט ער ווי א חיה וואס גייט שטארבן און גייט אריין אין א פַּאנִיק און ווייסט זיך נישט א עצה צו טאן, און ווייסט נישט וואס צו טאן און דערפאר איז עס זייער שרעקעדיג, אבער עס וועט זיך ענדיגן, און ווער עס גייט מיט עם וועט גיין מיט אים צוזאמען אין תהום. איך האב געענדיגט.

## *2 די גאנצע וועלט וועט זיין אין פאניק*

א מסר פון שיינדל, תמוז תש"ע.

איך וויל זאגן אז אלעס פאלט, עס איז קלאר פאר אלעמען אז אלעס פאלט, אבער רוב מענטשן ווילן נישט וויסן דערפון, מען וויל פארזעצן מיטן גשמיות'דיגן לעבן ווי געוויינליך, כאילו אז אלעס איז בסדר, און עס איז נישטא קיין שום פראבלעם אין די וועלט.

ווען זיי זעהען וואס עס פאסירט אז אלעס פאלט, און אז עס איז פארהאן אזעלכע שרעקליכע אומגליקן (אסונות טבע) און זיי אזוי ווי א חלום אין א זומערדיגע נאכט, עס שטערט זיי גארנישט נאר צו ממשיך זיין עסן, טרינקען, לאכן און שוין, און איר קענט זוכן דא פרייטיג צונאכט'ס ווי עס גייען די פָאר פעלקער (זוגות) ווי זיי רעדן און לאכן, און בכלל ווי עס קוקן אויס די יונגע פאר פעלקער (זוגות צעירים) וואס זיי זענען דער עתיד פון כלל ישראל דער אויבערשטער זאל אונז אפהיטן, ווייִ איז צו אונז.

אבער עס איז דא ליכט פונקטן (נקודות אור) פון 2 זאכן. 1. די הפגנות אויף די קברים וואס גיט פארט א געפיל אז ברוך ה' כאטש א טייל פון זיי האבן נאך דעם אידישן געפיל צו טראגן די אחריות פון כבוד פאר די מתים און דאס איז חסד של אמת, און דאס וואס די ציונים טוען פאר די מתים וועט אוודאי ברענגען אויף זיי ריזיגע צרות.

אויסער דעם דאס וואס האט פאסירט אין עמנואל, דאס הויבט אויף די אמונה און בטחון בה', ווייל דאס ווייזט אונז אויף א קלארן אופן אז ווער עס פארקויפט די שליטה אויפן חינוך פון זיינע קינדער פאר די סטרא אחרא, די ציונים, פארקויפט צוזאמען מיט דעם זיין נשמה און זיין גאנצן צוקומפט.

הקב"ה ווייזט אונז שטאפל נאך שטאפל (שלב אחר שלב) מיר זאלן זעהן און פארשטיין דעם אמת, ווען הקב"ה וואלט עס געטאן אין איין מאל וואלט נישט געווען קיין תועלת.

ש. וואס מיינט פארשטיין דעם אמת?

ת. די כונה מיינט אז באמת טאר מען נישט נעמען קיין געלט פון די מדינה פון רשעים, וואס דורך די געלט, וואס זיי גיבן פארן חינוך פון אונזערע קינדער, ווערן זיי די הערשער און אך און ווי אויב מען גייט קעגן זיי, צום סוף דיקטירן (מכתיבים) זיי דעם חינוך פון אונזערע קינדער און דאס איז דער מצב אין יעדן געביט. (תחום).

ש. וואס מיינט אין איין מאל?

ת. הקב"ה האט נישט אויסגענומען זיין פאלק פון מצרים מיט איין מאל נאר א גאנצער יאר פון 10 מכות האט אויסגעלערנט פארן פאלק ישראל זיך צו פארזיכערן אין ה', אויך יעצט וועט ער אונז ארויסנעמען צוביסלאך פון די עבדות און שעבוד צו ערב רב. צו א אויסלייזונג פון א פולן פארזיכערונג אין הקב"ה, בכל אופן וויל דאך דער אויבערשטער ראטעווען זיין באליבטן פאלק, און דערפאר נעמט ער אונז שטאפלווייז די גאנצע וועלט האט זיך שוין געענדערט אין די לעצטע 1.5 יאר, (אנדער האלבן) ממש געענדערט, יעדן חודש,יעדן מינוט, געענדערט ממש, אלעס ווערט אנדערש, עס איז נישט דא קיינער וואס קען זאגן אז אלעס וועט צוריקגיין ווי אמאל, עס איז שוין אזוי געענדערט געווארן אז עס קען שוין נישט גיין צוריק, נאך אפאר מכות און די גאנצע וועלט וועט אריינגיין אין פַאנִיק. די גאנצע וועלט, די מינוט דרייען זיך ארום רוב מענטשן אין די וועלט, מיט שרעק, אפילו זיי באקומען נאך געהאלט (משכורת) און מען זעצט פָאר צו מאכן א לעבן, אבער עס איז שוין נישט אמת'דיג, פון אינעווייניג ציטערט מען, און רוב ווייסן אפילו נישט פארוואס, ביז דא.



## *3 קדושים תהיו – איר האט פארגעסן?*

א מסר פון מנחם, תמוז תש"ע

איך וויל רעדן וועגן צניעות.

צו די פרייע וועל איך נישט רעדן וועגן צניעות, זיי האבן בכלל נישט קיין באגריף וואס דאס איז, זיי קענען זיך ארומדרייען אן בגדים און זיי ווייסן נישט קיין אונטערשייד צו די וואס גייען יא מיט בגדים, זיי האבן שוין נישט קיין שום געפיל דערצו, מענטשן אן געפילן, מיט קרומע געפילן, אלעס איז אזוי פריי אז עס איז שוין גארנישט געבליבן נישט געפילן נישט גארנישט אפארקרומטער מענטש.

און זיי זענען זייער טרויעריגע מענטשן, זיי ווייסן נישט ווי מען זאל לעבט צוזאמען, נישט די שלמות צווישן מאן און פרוי, נישט צווישן עלטערן און קינדער, מען האט חתונה און מען גייט צו יעוץ, ווי אזוי צו זיין מאמעס, ווי אזוי צו זיין טאטעס, ווי אזוי צו זיין א מאן, א פרוי, זייער טרויערדיג, און דאס איז שוין אין גוטן פאל ווען מען האט חתונה.

אבער נאכמער טרויערדיג איז ביי אונזערע פרומע, איך פאראיפער די מזרחיסט'ן, ווייל איך האב נישט וואס צו זאגן, עס איז דארטן א גאנצער בלגן, אז איך האב נישט קיין חשק צו אריינגיין אין דעם, אבער די פרומע, די גאר פרומע וואס די מענער גייען א לאנגן רעקל/חאלאט, לאנגע פאות לאנגע בערד, און זיי זענען צומישט, מיט פרויען וואס קוקן אויס גאסן פרויען, מיט אירע געפאסטע קליידער, אפילו ווען זי גייט מיט א טיכל, אדער כובע, נישט מיט א שייטל, און די מיט די שייטלען קוקן אויס בכלל גוי'עטעס פון די וועלט פון אופנה, א טייל פון זיי זענען אפשר שיין לויט די שיינקייט פון יפת אבער נישט פון א אידישע טאכטער, וואס קען מען נאך זאגן? דער גאנצער אויסזעהן ברענגט איבלונגען (בחילות) פאר א איד א מאמין בה', צוזאמען מיט טרערן אין די אויגן אויף וואס עס האט פאסירט צו אונזער פאלק, דער הייליגער פאלק ישראל.

**קדושים תהיו** איר האט פארגעסן? קדושים תהיו. הייליג זאלט איר זיין, איר זאלט לייגן וואס מער בגדים, אויך די מענער מאכט נישט אויס, נאך און נאך, און זיך נישט ארומדרייען דער גאנצער קערפער ענדעקט, מיט א שייטל וואס קוקט אויס ווי אין בלויזן קאפ, (גלוי ראש) וואס דאס איז נאך אלע שיטות קעגן די תורה.

וואס קען מען נאך זאגן? עס קוקט אויס לאכעדיג, אבער עס איז זייער טרויערדיג מען גייט אריבער נעבן די מסעדות אויך איך גיי דארט אריבער אסאך מאל, מען זעהט אידן מיטן פרומער לבוש פרעסן, אזוי ווי, ענטשולדיגט, חזירים, דאס מאכט מיר זייער שלעכט, ווייִ איז צו אונז, מען זיצט אין די מסעדות מיט די פרויען מיט די לאנגע שייטלען, די שיינע מיט די געפאסטע בגדים, דאס איז א נייער אויסזעהן פון אידן.

ש. וועגן די קברים וואס מען גראבט.

פארוואס די ציונים האבן באשלאסן צו נעמען ביינער פון אידן וואס זענען שוין באגראבן הונדערטער יארן, פארוואס, ווייל דאס איז פון אונזערע עבירות, א טייל פון אונז זענען גלגולים פון די נשמות, און מיר זינדיגן, און מיר דערנידערן די הייליגע תורה וואס הקב"ה האט אונז געגעבן, די טייערסטע זאך אין די וועלט און ל"ע מיר מאכן עס שמוציג, דערפאר נעמט השי"ת אונזערע ביינער און לאזט עס ווארפן אין מיסט.

וועקט זיך אויף כלל ישראל! אלעס איז פארבונדן איינס אין צווייטן ווען כלל ישראל גייט אראפ, גייט די גאנצע וועלט אראפ עס איז דא א דירעקטע פארבינדונג (קשר ישיר) צווישן וואס עס האט פאסירט פאר טויזנטער יארן און דאס וואס עס פאסירט היינט און מיר זענען פארבונדן צו דעם.

אמת'ע אידן מיט אלע אידישע תכונות,

ביישנים, רחמנים, גומלי חסדים, אפילו ווען די תכונות זענען פארדעקט מיט א דיקן שאלאכט'ס, (קליפה) צוברעכט די שאלאכט'ס און קערט זיך צוריק צו הקב"ה, נאר אזוי וועט איר זיך ראטעווען, השי"ת וויל איר זאלט עס טאן אליין, האט נישט מורא ער וועט אייך העלפן איר דארפט נאר וועלן, מאכט נאר דעם ערשטן טריט, באהעפט זיך צום אמת און לאזט קיינעם נישט אייך פארמיידן פון שטייגן אין קדושה, נישט משנה צו ער איז א פשוט'ער מענטש אדער א חשובער מענטש, עס איז דא ערב רב צווישן אלעמען.

## 4 דער פאלק פאנגט אן צו פילן שרעק

א מסר פון בנימין גולדן, פרשת בלק תש"ע.

רוב אידן האבן זיך דערווייטערט פון הקב"ה, די פרייע דאס איז דאך קלאר, אבער די פרומע – דאס איז די צובראכענע הארץ (די הארץ פון כ"י) די פרומע איז דא צווישן זיי אויך אמת'ע, און אויך אזעלכע (נישט אמת'ע) וואס זענען מסוגל צו זיין אמתע אידן, נאר זיי זענען צומישט, און עס איז דא די ערב רב, היינט זענען רוב אידן פון די נשמות פון ערב רב, (ווי עס שרייבט דער אריז"ל אין ליקוטי תורה פרשת ואתחנן) די פרייע אוודאי, אבער אויך צווישן די פרומע, און צווישן די פרומע איז זיכער אויך א טייל פון די מנהיגים פון די נשמות – און דערפאר איז אונזער מצב זייער שווער, אויב רוב אידן זענען ערב רב, און פון די אזעלכע וועלכע פירן (מנהיגים) כביכול די אידישע וועלט איז וואס וועט שוין זיין מיט אונז?

אבער ברוך ה', דער אויבערשטער האט ליב זיין פאלק, ער האט ליב זיין כלה וואס איז אנטלאפן פון אונטער די חופה, און ער וויל איר צוריק, און זי וועט זיכער צוריקומען בעז"ה אדער זי וועט שנעלער צוריקומען, (און אויב נישט) וועט ער שוין דאגה'ן זי זאל צוריקומען, עס איז נישטא קיין שלימות אין די וועלט אן כלל ישראל מיט הקב"ה, און דערפאר, אזוי ווי מען האט שוין געזאגט דא מיט אפאר טעג צוריק, וועט הקב"ה צוריקערן יעדע נשמה וואס איז געווען ביים בארג סיני אבער די וואס זענען דערווייטערט פון דעם אמת, וועלן מער ליידן און די וואס זענען נענטער צום אמת וועלן ליידן ווייניגער, אבער אלע וועלן זיך אומקערן צו הקב"ה, און די ערב רב וועלן אונטערגיין פון די וועלט אזוי ווי רוב גויים וואס אין די וועלט.

אין די מינוט קען יעדער איינער זעהן קלאר סיי א איד און להבדיל אויך א גוי – אז הקב"ה האט שוין אנגעפאנגען דעם תהליך פון חרוב מאכן דער עוה"ז, דער עולם השקר, מיר באקומען פון יעדן פלאץ פון יעדן זייט און פון יעדן ריכטונג באקומען מיר קלארע מסרים.

צו די טראגעדיע אין אמעריקע מיט די נפט וואס קען מסכן זיין די גאנצע וועלט, אדער די ערד ציטערנישן וואס מערן זיך אויף א דראסטישן אופן אין די גאנצע וועלט, אדער די פייער בערג (הרי געש) וואס האבן זיך פלוצלונג אויפגעוועקט אדער די מלחמה וואס מיר זעהען פאר די אויגן אז עס גייט פלאצן, נישט נאר דא אין לאנד איז דא א סכנה פון מלחמה נאר אין די גאנצע וועלט, און דאס אלעס איז קלאר פאר יעדן פשוטן מענטש וואס וויל וויסן די גאנצע וועלט איז קעגן די אידן –אלע- מיר האבן נישט אפילו איין פריינד בכלל אין די גאנצע וועלט אלע גויים האבן אונז פיינט (הלכה- עשו שונא ליעקב רש"י בראשית ל"ג ד') מען איז אויפגערעגט אויף אונז, און זיי ווילן אונזער בלוט, אבער הקב"ה האט הימלישע פלענער און עס וועט שוין ארויסגיין לפועל, אין נאנטן צוקומפט וועלן זיין אסאך גרעסערע ניסים, אסאך שרעקעדיגערע, עס וועט נישט



זיין פשוט, זייער זייער שרעקעדיג אבער דער איד וואס איז נאנט צום אויבערשטן האט נישט פון וואס זיך צו שרעקן, זיך באהעפטן צו אים דורך אלע רייד און דורך אלע וועגן פון זיין הייליגע תורה (באמת) און זיך נישט רירן, זיך באהעפטן צו אים און זיך נישט אוועקרירן.

אוי עם ישראל, אוי עם ישראל ביז דערוויל דרייען מיר זיך ארום כאילו עס פאסירט גארנישט, מיר הויבן נישט אויף דעם קאפ צו זעהן, צו זעהן קלאר וואס עס פאסירט, עס איז נישט שווער עס צו זעהן עס איז קלאר זייער קלאר.

דאס איז ווייל רוב מענטשן זענען פארשלאפן, אפאטיש זיי האבן אויך נישט קיין כח צו מלחמה האלטן קעגן זייער יצה"ר, פשוט עס אינטרעסירט זיי נישט, זיי ווילן זייער גשמיות ("עגל הזהב" וואס דאס איז די ע"ז פון היינטיגן דור) דאס גיט זיי א גוטן געפיל, אזוי ווי א מוצץ וואס בארוהיגט דעם קליין קינד, און עס אינטרעסירט זיי אינגאנצן נישט וואס עס פאסירט.

מען האט מורא צו וויסן, זיי ווילן זיך בעסער באהאלטן און אנטלויפן פון אמת, אבער דער אמת וועט אריינגיין אין זייערע שטיבער, און וועט זיי ארויסשלעפן אינדרויסן צו זעהן קלאר וואס השי"ת האט געשיקט, וועלכן מסר הקב"ה שיקט אונז, הקב"ה אליין, בכבודו ובעצמו, אוי לנו, אוי לנו אוי לנו.

דער פאלק פאנגט אן צופילן א שרעק, ווייל עס איז דא דא א שטארקע ווארנונג אויף א מלחמה, מען האט האט זייער מורא פון א מלחמה, אויך פון א מלחמה גרעינית, מען זעהט אויך אז די ציונים האבן מורא, ווייל די מיליטער וואס איז געווען די גאוה פון די מדינה, איז יעצט א טייל פון די וויצן, אסאך פון די אפיצירן (קצינים) זעהען סתם אויס גייסטליך פארדארבן (דגנרטים) און די ראשי ממשלה אין די לעצטע צייט זעהען אויס ווי זיי האבן נאר וואס געענדיגט לערנען אין בית ספר פון חינוך מיוחד.

עס איז שוין בכלל נישטא קיין געפיל אז מיר זענען גרויס די שטארקע וואס די וועלט ציטערט פון אונז, די אידן (ציונים) די קלוגע, וואס געווינען שטענדיג, דעם פרס נובל, ווער האט לעצטנס באוקמען א פרס נובל? שמעון פרס- פארן **שלום** דאס איז לאכעדיגער פון דעם גרעסטן וויץ. איז וואס איז געבליבן פון זיי? נאר א שלד, וואס גייט שוין אינגאנצן פאלן, דערפאר די אידן פאנגען אן צו מורא האבן, אין חו"ל איז פארהאן משפחות וואס ווילן קומען דא, עס איז פארהאן א נבואה אז 2 דריטל פון די וועלט וועט חרוב ווערן, אבער נישט ארץ ישראל, מען רעדט נישט פון מדינת ישראל, דאס וועט זיכער חרוב ווערן, אבער ארץ ישראל און די אמת'ע אידישע איינוואוינער וועלן בלייבן צו אנטקעגן משיח צדקנו מיט א גרויסע און אייביגע שמחה.

אויך האבן לעצטנס די פרומע ציונים געכאפט א שטארקן קלאפ, "עמנואל" דאס איז דער גרויסער קלאפ פאר אלע אידן וואס גלויבן אין די ציוניסטישע געלט, די וואס מיינען אז מען קען נעמען געלט און נישט צאלן פאר דעם קיין פרייז, און שוין א פאר יאר וואס מען רוקט אריין די תוכנית הליבה אין די בתי ספר פון מיידלאך אבער דאס איז ממש אפיקורסות און גויאישקייט.

רוב פרומע האבן געשוויגן און געשוויגן, און דערפאר יעצט וויל די ממשלה עס אריינרוקן אויך אין די ישיבות וואס נעמען געלט פון די מדינה, און אויב נישט – איז נישטא געלט! און אין עמנואל איז דאס געווען די מלחמה, וואס האט ענטפלעקט דעם אמת, אז ווער עס נעמט געלט פון די רשעים, פארקויפט זיין נשמה דאס איז א גרויסער ווארנונג פאר די מפלה דאס וועט אונטערשיידן צווישן אמת'ע אידן און ערב רב, די אידן מוזן פארשטיין אז מ'קען נישט האנדלען מיט א גיפטיגן מסוכנ'דיגן שלאנג.

## *5 די געפארפולסטע שווייגעניש*

א מסר פון יצחק איזיק, אב תש"ע

פרשת קדושים –"אל תטמאו בכל אלה כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם, כי כל אשר יעשה מכל התועבות האלה ונכרתו הנפשות העשת מקרב עמם"

תרגום: איר זאלט זיך נישט מטמא זיין מיט די אלע זאכן ווייל מיט די אלע זאכן זענען טמא די גוים וואס איך פארשיק זיי פון אייך ווייל ווער עס וועט טאן פון די אומווירדיקייטן, וועלן זיי פארשניטן ווערן פון זייער פאלק.

ווי איז צו אונז, אז אין ארץ ישראל די הייליגע לאנד איז דא אומווירדיגקייט, מענטשליכע שמוץ, עס איז פארהאן נאך א גרעסער מאס חוצפה ווי פון טיטוס, טיטוס איז לפחות געווען א גוי, ער האט געטאן א געפערליכע הארבע זאך, אבער דאס איז אלס ווייניגער הארב, ווי דער מצעד וואס גייט מארגן זיין ח"ו, אז א גרופע כביכול אידן, מאכן א מצעד פון די ערגסטע עבירות, כאילו דאס איז א נארמאלע זאך, כאילו הקב"ה איז ח"ו נישט גערעכנט, זיי טוען עס עפנטליך אלע זאלן זעהן, מען גייט אויף א אויסגעלאסענעם אופן, און מען באווייזט זיך אזוי פאר די אויגן פון די גאנצע וועלט מיט מצלמות און טלויזיה און די גאנצע תקשורת.

פאר די גאנצע וועלט זאגן זיי "מיר זענען גערעכט ח"ו און נישט דער אויבערשטער", און מיר אידן שווייגן חוץ פון די עטליכע גוטע אידן וואס זענען גרייט צו זאגן דעם אמת, די אומווירדיגע מענטשן רופן אויך אויס אז תל אביב וועט זיין ח"ו זייער הויפט שטאט פאר די אומווירדיגקייט, און אויב זיי זאגן אזוי דעמאלס איז תל אביב אין זייערע א גרויסע סכנה, ווייל וויפל קען הקב"ה זיי לאזן טאן וואס זיי ווילן? דאס איז ערגער ווי מגדל בבל, זיי ווערן פארלארן, די פראגע איז נאר וויפל אידן וועלן פאלן צוזאמען מיט זיי.

איך וויל זאל זיין קלאר, דער אומווירדיגער מצעד,דאס איז די גרעסטע חוצפה וואס איז נאר אמאל געווען אין די וועלט, דאס איז נישט קיין גוזמה, און דאס וואס אידן שווייגן אויף דעם איז זייער שלעכט, אבער ווער עס עפנט זיין מויל צו מוחה זיין, דער וועט גראטעוועט ווערן.

און די וועלכע שווייגן ווייל זיי ווילן נישט די קינדער זאלן הערן איבער דעם, דאס איז נישט די סיבה, ווייל אין פיל ערטער אויך אין די ישיבות דא און אין חו"ל, זענען פול מיט די עבירה, און יעדער קינד וואס וויל זיך היטן אויף זיין תמימות קען זיין חלילה א קרבן צו אזא מענטש, איך האב מער נישט וואס צו זאגן.

דאוונט צו ה' ער זאל אונז ראטעווען פון די אומווירדיגקייט פון די וועלט, מיר זאלן נישט אריינפאלן אין אפגרונד פון דעם, די וועלט וועט פאלן און נאר וועמען עס טוט וויי אין הארצן און ער איז נאנט צו הקב"ה, אויף אים ווארט דער עולם הבא, און ער וועט מקבל זיין משיח צדקנו ברחמים דער פראבלעם איז אז די וועלט איז פול מיט אט די עבירות און דאס איז די זאך וואס וועט מאכן פאלן די וועלט דאס איז א פראבלעם פון צניעות און חוצפה, וואס מען וויל איבערקערן דעם אמת צו שקר, פון די מינוט וואס דער מצעד קומט פָּאר ח"ו, אן קיין געהעריגע מחאה וועט זיך אנפאנגען א גרויסער אראפקייקלונג (התדרדרות) אין די וועלט עס וועט דערגרייכן יעדן מענטש באזונדער, און עס האט זיך שוין אנגעפאנגען, גרויסע און שווערע איבעראשונגען וועלן זיין שוין פון מארגן, עס וועט נישט אדורך גיין שטיל.



## *6 מען מוז זיך באהעפטן צו הקב"ה*

א מסר פון קובי תמוז תש"ע

די וועלט איז שטארק געענדערט געווארן,קיין מענטש קען נישט זאגן אז די וועלט גייט נישט צום ריכטונג פון א קאטאסטראפע.

מיר מוזן זיך פארלאזן נאר אויף הקב"ה זיך פארזיכערן אין אים, ווייל נאר ער וועט אונז ראטעווען, די וועלכע זענען נאנט צו אים וועט ער ראטעווען בעז"ה, און מען דארף נישט דאגה'ן וואס השי"ת טוט איז פאר אונזער טובה, נישט פון די ציונים און נישט פון די ציונים וואס גייען אנגעטאן מיטן חרדישן טראגע, נישט פון דעם און נישט פון יענעם, זיי וועלן ביידע פארלארן גיין און מיר וועלן בעז"ה בלייבן, עס זענען פארהאן ציונים וואס משפטן אין געריכט הויז (בית משפט) און עס זענען פארהאן ליידער ציונים וואס פסקענען אין בית דין, אבער דער דין וועט זיין גלייך ביי ביידן, מיר מוזן זיך באהעפטן צו הקב"ה, און נישט מורא האבן פון קיין איד און פון קיין גוי, נאר פון הקב"ה, און שטארק דאווענען משיח בן דוד זאל שוין קומען אונז ראטעווען אינגיכן. נישט מורא האבן.

## *7 א קליין בליק צו אונזער צוקומפט*

א מסר פון מוישה'לע י"א אב תש"ע (איבערגעטייטשט פון ענגליש)

די וועלט, ווי מיר קענען איר קומט אן צו איר ענד, דאס איז שוין זייער קלאר פאר מערסטנס מענטשן.

מאדנע זאכן פאסירן אין די וועלט, און די וועלט רוקט זיך אין א אופן וואס זאגט אן שלעכטס צו די גרעסטע וועלט מלחמה ה' ישמור, די ערגסטע פארטיליגונ'ס מלחמה (מלחמה הרסנית) אין די וועלטליכע היסטאריע ווי מיר ווייסן פון די נבואות פון די תורה, אז איין דריטל פון די וועלט וועט אינגאנצן אויסגעמעקט ווערן און צו איבערלאזן אפילו די קלענסטע באשעפעניש, איין דריטל וועט זייער שטארק געשעדיגט ווערן און איין דריטל כולל ארץ ישראל וועט נישט געשעדיגט ווערן (אויסער די רשעים) היינט שטייען מיר אויפן שוועל פון א גרויסן אויפרייס. די נאטור, ווי מיר רופן עס באהאלט אין זיך פיל גרויסע איבעראשונגען פאר אונז, גרויסע, שרעקעדיגע, טראגישע, (הרסניות).

אין נאנטן צוקומפט וועלן מיר עס שוין נישט קענען אנרופן נאטור, ווייל עס וועט זיין קלאר פאר יעדן אז עס קומט דירעקט פון הקב"ה, איין מענטש וועט מלחמה האלטן מיט א צווייטן און דאס וועט זיין א שרעקליכע מלחמה מער פון וויפל א מענטש קען זיך גלויבן.

דאס איז נאר א קליין בליק צום צוקומפט.

איר פרעגט וואס קענען מיר טאן צו דעם מערסטנ'ס מענטשן קלייבן אויס זיך צו מאכן נישט וויסנדיג, און זיי האפן אז די סימנים וואס מיר באקומען די אזוי קלארע סימנים וואס מיר באקומען פון הימל, וועלן פשוט נעלם ווערן, עס וועט זיך אויסלאזן כאילו זיי וואלטן קיינמאל נישט געווען זיי ווילן פארזעצן מיטן גשמיות'דיגן לעבן כאילו גארנישט פאסירט, אבער מען קען נישט, די וועלכע ווילן בלייבן לעבן מוזן אפשטעלן גענצליך דעם לעבנ'ס געיעג (מרוץ החיים) און אנפאנגען מאכן א חשבון הנפש. (מסילת ישרים פרק ג')

פיל מאל אין די היסטאריע האט הקב"ה געברענגט אויף כלל ישראל ווייטיג פיין און טויט, און צייטנווייז אויף די ערגסטע אופנים, פארוואס? ווייל זיין באליבטע קינד האט זיך דערווייטערט פון אים, און כדי צו ראטעווען זיין קינד, זיין בכור האט ער אים געדארפט שטראפן אים צוריק צו ברענגען צום אמת.

און היינט צוטאג לעבן מיר אין א וועלט פון כמעט אינגאנצן שקר, דער עגל הזהב דאס איז דער הויפט אפגאט פון רוב נוצרים, די מוסלמים און לײדער אויך פון אידן, ברוך ה' עס איז נאך דערוויל געבליבן אידן וואס זענען באהאפטן מיט א פעלזן שטארקייט צו זייער באשעפער און זיין תורה, מערטנס אידן וואס זאגן אז זיי זענען פרום זענען זיכער אז זיי פארזיכערן זיך אין אויבערשטן, אבער באמת זענען מערסטנס צוגעקלעפט צום עק פון עגל הזהב.

ש. איז וואס קענען מיר טאן?

ת. יעדער איד איז מחויב זיך צו אפשטעלן און קאנטראלירן זיין לעבנ'ס גאנג (מהלך החיים) און ארויסציען פון דעם מיט א צוואנגל (מלקטת-פינצטה) דעם גאנצן עגל הזהב וואס געפינט זיך אין אים, און ער דארף אוועקנעמען און אוועקווארפן אלע ליגנס פון דעם עולם הזה, וואס ער האט זיך אזוי פארליבט אין זיי, ער וויל בעסער כשר'ע דאטשעס (חופשות) אין שווייץ ווי צו זיצן און לערנען און לעבן א פשוטן לעבן, א לעבן פון אמת'ע אידישקייט, ער וויל בעסער מאכן א גרויסהארטיגע חתונה ווי צו פירן זיין קינד צו א אמת'ן תורה'דיגן חינוך, ער וואלט בעסער געוואלט זיך פארנעמען מיט פארגרעבטע עסן און הנאות, (מיטן הכשר, פארשטייט זיך) ווי צו זיין פארנומען מיטן דאווענען, זאגן תהילים. וויינען און בעטן פאר הקב"ה, ער זאל זאך אומקערן צו אונז, מיטן אויפבוי פון ביהמ"ק, און אונז ברענגען משיח צדקנו.

אבער מיינע טייערע ברידער און שוועסטער וואס הערן נישט מיינע ווערטער, אויב איר מאכט זיך נישט דעם חשבון הנפש, וועט איר אונטערגיין אויף אייביג, ח"ו, ווייל ה' מאכט חרוב די וועלט פון די שקרים, און ער פאררווירקליכט (מוציא לפועל) דעם באשאפונג פון א אמת'ע וועלט, א מענטש וואס לעבט א לעבן פון שקרים וועט קיינמאל נישט קענען לעבן אין א וועלט פון אמת, ער וועט נישט קענען באשטיין צוזאמען מיטן אמת וואס וועט אלעס פארנעמען, א איד וואס האט אפילו א קליין ברעקל שקר אין זיך, וואס ער גלויבט אויף וועלכן אופן ס'איז אין דעם שקר, וועט נישט קענען באשטיין צוזאמען מיטן אמת.

קוקט זיך ארום וואס טוט זיך אין ארץ ישראל די חרדישע קהילה איז צופיצלט, זי איז צוטיילט און צופיצלט ביזן קלענסטן טייל, רוב פרומע אידן היינט, האבן הנאה פון א גשמיות'דיגן לעבנ'ס סטאנדארט (רמת חיים) וואס איז קיינמאל נישט געווען, אבער דער גשמיות'ידע לעבנ'ס סטאנדארט האט א פרייז, און דער פרייז מיינט, אז זיי האבן פארקויפט זייער נשמה פארן עגל הזהב, און פאר זיין פארשטייער (נציג) וואס דאס איז מדינת ישראל א גרויסער טייל פון די אידן האבן פארקויפט זייערע קינדער פאר די סטרא אחרא, דורכן נעמען געלט פון די ערב רב, צו אויסהאלטן דעם חינוך פון די קינדער, און די צווינגען זיי צו אריינברענגען אין דעם לערנונגס פלאן פארגיפטעטע שקרים, שקרים וואס מיינט גיין דוקא אנטקעגן די תורה, און נאך פארקויפן פאר די קינדער כאילו דאס איז דער אמת.

די מחלוקת צווישן די חרדיש'ע אידן ווערן וואס אמאל ערגער איין גרופע האט פיינט די צווייטע גרופע און די האבן פיינט א דריטע גרופע, און אלע גרופעס וואס פירן אט די מלחמות זענען פול מיט שקרים, עס זענען דא טאטעס קעגן זייערע טעכטער, מאמעס אנקעגן זייערע זיהן, מענער קעגן זייערע פרויען, און פרויען קעגן זייערע מענער, און צו אלעס זענען דא די וואס האבן הנאה פון דעם שרעקליכן מצב, און זיי גיסן אלס צו ברען מאטריאל כדי עס זאל מער ברענען, ברוך ה' דער אויבערשטער הרג'עט קלאר



דעם עגל הזהב די געלט ווערט אלס שוואכער, געלט איז אלס ווייניגער ווערד מענטשן פאנגען אן זיך צו אמפערן (להאבק) שטארק כדי זיך צו ערמעגליכן צו באצאלן פאר זייער גשמיות'דיגן לעבן, אסאך חרדישע אידן זענען שטארק געשלאגן אין דעם געביט, דער חינוך פון די קינדער איז געווארן א מסוכנ'דיגער נושא, די מיטלמעסיגע אידן פאנגען אן צו פארשטיין אז עפעס גאר געפערליך פאסירט אין אונזערע מוסדות החינוך, אין די ישיבות, געדאנקען פון די גויאישע וועלט האבן זיך אריינגעכאפט אין אונזערע מוסדות וואס זענען געווען אזוי חשוב און הייליג אין פארגאנגענהייט.

און די ערגסטע פון אלעס אז דער ערב רב געוועלטיגט (שולט) (אבן שלמה י"א ז') די ערב רב געוועלטיגט אין די מדינה און אויך צווישן די גאר פרומע געוועלטיגט די ערב רב, זיי געוועלטיגן אין אמעריקע אין די פרומע וועלט, און אוודאי אין די פרייע וועלט, זיי געוועלטיגן אין אירופה ביי די פרומע און ביי די פרייע, זיי געוועלטיגן אין די גאנצע וועלט, אין יעדן ארט וואס עס געפינען זיך אידן געוועלטיגן די ערב רב, סיי צווישן די פרייע און סיי צווישן די חרדישע אידן.

אבער עס וועט אזוי מער נישט פארזעצן, השי"ת וועט אונז ברענגען אין נאענטן צוקומפט צו שרעקעדיגע מצבים, מיר פילן שוין יעצט נישט זיכער אין אונזער וועלט, השי"ת מאכט עס שטאפל נאך שטאפל (שלב אחר שלב) אזוי אז די אידן וואס קענען פארשטיין, זאלן אנפאנגען באמת פארשטיין שטאפל נאך שטאפל זאלן זיי אנקומען צום אמת, השי"ת וועט ראטעווען יעדע נשמה וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני, אבער נישט די ערב רב, זיי זענען געשטאנען פון דערווייטנס, זיי האבן זיך נישט דערנענטערט צום בארג סיני, אבער יעדער איד וואס איז געשטאנען ביים בארג סיני – וועט געראטעוועט ווערן, די וועלכע זענען נענטער צו ה' וועלן ווייניגער ליידן, די וואס זענען ווייטער וועלן מער ליידן, אבער אין יעדן פאל די ערב רב, די מצרים וואס האבן כאילו גענומען אויף זיך די תורה, די ערב רב וואס האבן באמת קיינמאל נישט אנגענומען אויף זיך עול מלכות שמים, די ערב רב וועלן פארלארן גיין אויף אייביג.

עם ישראל! מיר שטייען פאר די שווערסטע צייטן וואס די מענטשהייט האט נאר בייגעוואוינט, די גוים די ישמעאלים די נוצרים, אלע גוים וועלן געשטראפט ווערן אויף וואס זיי האבן געטאן פאר די אידן (תהלים קמ"ט עובדי א' א.נ.) און עם ישראל וועלן געלייטערט ווערן און געהייליגט ווערן זיי וועלן שיינען מיט א גייסטליכן שיין וואס וועט צווישנשיידן צווישן זיי מיט די גוים וואס וועלן בלייבן (דניאל יב- והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע) זיי וועלן זיין אמת'ע מענטשן, נאר אמת, עס וועט מער נישט זיין קיין שקרים, און די גויים וואס וועלן בלייבן נאך די מכות, די קלעפ וואס וועט דערשלאגן די וועלט מיט אירע איינוואוינער די וואס וועלן בלייבן וועלן זיין גוים צדיקים, וואס וועלן פארשטיין און אויך אנעמען דעם אמת.

עם ישראל! ראטעוועט זיך פון פיין! קערט זיך צוריק צום אויבערשטן, קערט זיך צוריק צו די תורה, קערט זיך צוריק צום אמת'ן לעבן, וואס דאס מיינט פון אינדערפרי ביז ביינאכט, נאר דער באשפער מיט זיין תורה, רוב אידן היינט פילן אז דאס איז לאנגווייליג ח"ו, אבער ברוך ה' עס זענען נאך פארהאן אידן וואס שטייען אויף אינדעפרי זיי זאגן מודה אני, וואשן זיך די הענט, און פון די מינוט און ווייטער לענג אויס דעם גאנצן טאג זענען זיי זיך משתדל מיטן גאנצן הארץ און זעלע צוטאן דעם רצון ה', זיי ווערן נישט

לאנגווייליג ח"ו, פארקערט, עס דערהויבט זיי צו העכערע רוחניות'דיגע וועלטן, און עס ברענגט זיי נאנט צום אויבערשטן, עס איז נישטא מער א איבעראשנדע זאך, וואס ברענגט מער סיפוק און מער אמת אין אונזער וועלט אדער אין יעדן וועלט ווי צו זיין נאר דעם אויבערשטנ'ס קנעכט.

עם ישראל! וואס איר זענט געשטאנען ביים בארג סיני מיר זענען די קערנדלאך פון דעם צוקומפט, די פלאנצונגען וואס וועלן דארפן וואקסן און זיך מערן און אנפילן די וועלט די וועלט האט זיך נישט געענדיגט, עס זעצט נאך פאר און יעדער אמת'ער איד וועט זיין א טייל פון די נייע בריאה אויף אייביג.

### 8 דער עגל הזהב וואס גוסס'ט (איבערגעחזר'ט)

א מסר פון דניאל תשרי תשס"ט.

אין די מינוט זענען פיל מענטשן צומישט און זיי גלויבן נאך אז מענטשן (ממשלות, פינאנסישע מוסדות (בנקים) וכו') וועלן קענען פארמיידן די צופאלונג פון וועלטליכע עקאנאמיע (מערכת כלכלה העולמית) אבער אלע אנשטרענגונגען וועלן שוין נישט העלפן, און נאך אביסל וועט געלט מער נישט האבן קיין ווערד.

דער עגל הזהב (תרבות אדום – דער גשמיות'ידע סארט לעבנ'ס גאנג און דער געיעיג נאך תענוגי העוה"ז) איז טראגיש צוקלאפט געווארן און גייט שטארבן, און אזוי ווי מיר האבן שוין געזאגט מיט עטליכע יאר צוריק, די בענק (בנקים) וועלן אינגאנצן פאלן, און געלט וועט נישט האבן ווערד מער ווי טישו פאפיר.

די פרנסה קומט נישט פון אונזער ארבעט, און נישט פון ביטוח לאומי, און נישט פון קיין אנדער מקור נאר פון הקב"ה (הוא נותן לחם לכל בשר (תהלים קלו) און עסן וועט השי"ת אונז געבן אזוי ווי ער האט געטאן ביי יציאת מצרים אין מדבר. (מן – שמות ט"ז).

יעצט קען א מענשט אנגרייטן עסן אין שטוב (קאנזערוון, טרינקען וכו') אבער צוביסלאך וועט זיך אויך דאס אויסלאזן און דעמאלס וועלן מיר האבן נאר איין ברירה, אדער זיך פארלאזן אינגאנצן אין הקב"ה, אדער נישט, און אויב נישט וועט דער ענד זיין זייער טראגיש, ווייל נאר די וואס וועלן זיך פארזיכערן אין אים ביזן סוף, וועלן געראטווועט ווערן און דאס איז דער ענד פון דעם תיקון פון חטא העגל אין מדבר.

השי"ת וויל עס נישט טאן (מבטל זיין דעם טבע וואס פארשטעלט זיין השגחה) מיט איינמאל אן קיין צוגרייטנג, ווייל רוב מענטשן קענען שטארבן פון דעם שָאק ח"ו, ווען עס קומט אן צו לעצטן טראפ וואסער, אדער לעצטן ברעקל עסן, און עס זענען דא קינדער וכו' – עס איז זייער א שווערע נסיון.

השי"ת ווייסט אז אין איין מינוט קען עס א מענטש נישט מאכן אבער צוביסלאך צוביסלאך פירט ער אונז אריין צו די טעג פון משיח, צו עולם הבא, און דערפאר איז ער מבטל די גשמיות צוביסלאך, ביז מיר וועלן אנקומען צו א פולע פארזיכערוג (בטחון) אין אים.

אויב די פארלענדונג פון עגל הזהב און דער ביטול פון דעם גשמיות וועט גיין צו שנעל, קענען –אפילו די וואס זענען ראוי צו די גאולה - כאפן אזא שאקל, אז עס קען זיי צוברעכן, און נישט דאס וויל דער אויבערשטער, ה' וויל אונז ראטעווען, דער רוב וועלן נישט געראטעוועט ווערן, בפרט די גוים, וועלן רוב פארלארן גיין, אבער די אידן יעדער איינער איז א בריליאנט פון הקב"ה, יעדער איינער איז א בן יחיד פאר אים אדער א בת יחידה.

דער היינטיגער עגל הזהב איז ממש דער עגל הזהב וואס די אידן האבן געמאכט אין מדבר, און דאס (היינט) איז דער גענצליכער תיקון פאר די עבירה.



טייערע אידן, הערט זיך גוט צו צו מיינע ווערטער, ריכטיג איך האב געזאגט אז ה' ברענגט אונז שטאפל נאך שטאפל כדי מיר זאלן נישט כאפן קיין שָאק, אבער מיר זענען שוין אין די לעצטע שטאָפלען, און ווען מיר וועלן קומען צום ענד, וועט עס פארט קומען אויף אונז ווי (כאילו) א פלוצלונדיגע זאך, און פ"וו כאילו? ווייל ה' האט אונז שוין געווארנט אויף פארשידענע אופנים א יאר נאך א יאר זיך צוריקצוקערן צו אים צוריקקערן צו זיין תורה און געראטעוועט ווערן.

אבער רוב אידן וויל נאך פארזעצן לעבן דעם שקר, און זיי ווילן נישט וויסן און אנערקענען אין די ווארנונגען פון אויבערשטן.

און דערפאר ווארן איך אייך יעצט, דער סוף איז זייער נאנט און קיין זאך וועט נישט העלפן, קיין זאך וועט אונז נישט ראטעווען, אויסער דעם זיך אומקערן צו ה' און צו זיין תורה, די בחירה איז ביי אונז אין די הענט.

### 9 ווען אלע בענק (בנקים) וועלן פאלן

א מסר פון מנחם תמוז תש"ע.

איך וויל רעדן אויפן עגל הזהב, און אייך זאגן אז דער סוף פון דעם איז זייער נאנט, און אייך זאגן אז אלעס וועט פאלן און עס וועט נישט בלייבן נישט קיין געלט, און נישט קיין שום מטבע וואס איימיצער וועט קענען זאגן אויף דעם אז עס איז געלט, דער גאנצער געבוי פון די בענק וועט נעלם ווערן, ווייל עס איז געבויעט אינגאנצן אויפן שקר, אמאל האט א מענטש געקענט נעמען א גאלדענע מטבע, אדער א זילבערנע, אדער א אנדער מטבע ואס איז ווערד צו פארקויפן, אבער היינט זעהט מען נישט אזעלכע מטבעות, נאר פאפירן קרעדיט קארט, און צ'עקן, דער גאנצער פארמעגן איז פארשריבן אין בנק אין קאמפיוטער, און אויב איינער איז באמת אמיליאנער, האט ער נאר א גרויסע הויז און א שיינעם מאשין וכו', און נאך קרעדיט קארטן און אזעלכע לאנגע נומערן וואס זענען פארשריבן אין בנק, אין זיין קאנטע, און איינע פון די טעג, נישט לאנג וועט דאס אלעס נעלם ווערן, די קאמפיוטער וועלן אויפהערן צו ארבעטן, און עס וועט נישט בלייבן די פאפירן וואס מען רופט עס געלט –MONEY- און נישט נאר דאס, דער מענטש אליין וועט אריבערגיין א שטארקן שָאק, ווייל ער האט אמאשין וואס פאדערט בענזין אבער דער קרעדיט קארט וועט נישט ארבעטן, און ער האט א הויז וואס פאדערט לעקטער, און דאס וועט אויך אויפהערן צו ארבעטן, איז מיט וואס בלייבט ער א מיליאנער?

די גאנצע פינאנסישע וועלט פאלט, ווייל ה' וויל עס זאל פאלן אבער די שלעכטע מענטשן (אדער די גוטע-ווענדט זיך ווי מען קוקט אויף זיי) די מענטשן מיטן גרויסן גלוסטונג (תאווה) צו געלט, צו הערשאפט און צו כבוד, זיי האבן זיך געבויט א טרוימפולן בילד (מצב חלומי) אבער באמת א טרוים ווייל עס באשטייט נאר אין די חלומות, די שיטה פון די בענק איז איין גרויסער שקר, א ריזיגער שקר, און זיי לעבן אזוי טיף אין דעם שקר, ביז זיי מיינען אז דער שקר דאס איז דער אמת.

און די ליגנער'ס געפינען זיך אין אלע לענדער, און אין די דריטע אונטערוועלט, און זיי האבן באשאפן א מטבע צו דאס איז יורו, אדער דער דולר, דער שטערלינג, נישט קיין אונטערשייד ווי איר וועט עס רופן, פאפירן ווען מען דרוקט אין יעדע מינוט וואס מען וויל געלט, אויב עס מאכט זיך א פראבלעם, אז מען האט גע'גנבעט צופיל למשל אין ביטוח, נישט קיין פראבלעם, מען דרוקט נאך געלט, און מען פארשטאפט דעם לאך, און אלע ראשי ממשלה זענען אין דעם געשעפט, אויך אין פרלמנט, אין קונגרס אין

די ציאניסטישע כנסת, אוואו איר ווילט, אלע זענען א טייל פון דעם שקר.
און ווער ליידט?
דער פשוטער מענטש, וואס ער האט נישט קיין טייל אין דעם מועדון?.
און די גאנצע געלט וועט צום סוף זיין ווערד אזוי ווי אשר יצר פאפיר, און דאס איז נישט קיין געלעכטער, ווען אלע בענק וועלן פאלן, דער שאק (הלם) וואס מענטשן וועלן כאפן וועט זיין גרעסער ווי א אטום באמבע, ווייל וואס וועט זיין ווען עס וועט פאלן א אטום באמבע? דער פשוטער מענטש שטארבט, אבער ווען מענטשן וועלן אריינגיין אין א מצב וואס עס איז נישטא קיין געלד, נישט קיין בענק, נישט לעקטער, נישט דוקטורים, נישט קופת חולים, נישט קיין מכולת, דער מציאות וואס דער מענטש מיינט אז דאס גיט אים לעבן, וועט ער אריינגיין אין א שָאק און וואס וועט ער דעמאלס טאן? אזא מענטש קען שנעל מחליט זיין אויף א זעלבסט מארד (התאבדות) ווייל ער וועט נישט וויסן וואס צו טאן, ווי צו לעבן וועמען צו בעטן הילף, ער וועט נישט טראכטן אויף דעם אויבערשטן, אבער אזוי ווי מיר האבן שוין פיל מאל געזאגט די אידן וואס זענען זיך משתדל צו דערנענטערן צום אויבערשטן מער און מער, די וועלן בעז"ה געראטעוועט ווערן, און וועלן זוכה זיין צו די טעג פון משיח אויף אייביג.

## 10 נאך די טראגעדיע מיט די באן.

א מסר פון דניאל, כ"ט אב תש"ע
דער עקסידענט צווישן די באן מיטן מאשין איז א טראגעדיע אין א ריזיגן פארנעם וואס מ'קען זיך נישט פארשטעלן, א גאנצע משפחה איז אפגעמעקט געווארן ל"ע, ה' ישמור.
וואס קען מען זאגן אויף דעם? דער פאל רעדט פון זיך אליין, פארהאן אזעלכע וואס וועלן זאגן אז דער נהג איז שולדיג און אז די ישראל'ישע נהגים זענען ווילד, אבער באמת איז עס א מסר פאר גאנץ כלל ישראל.
וועקט זיך אויף! קערט זיך צוריק צום אמת, ווייל פון טאג צו טאג פון איין מינוט צו די צווייטע, פון איין סעקונדע צו די צווייטע ווייסן מיר נישט אונזער גורל, אונזער גורל איז נאר אין די האנט פון הקב"ה און נישט אין האנט פון קיין שום אנדער כח, נישט אין האנט פון נהגים און נישט פון אראבער, און נישט פון אמעריקאנער וכו', מיר האבן נישט קיין שליטה אויף קיין זאך אין די וועלט נאר אויף אונזער יראת שמים, און אפילו דאס, אויב עס איז נישטא קיין סיעתא דשמיא קען דער מענטש נישט אנקומען צו די געוואונטשענע דרגה אין יראת שמים.
ברוך דיין האמת...

---------------------------------------------

אין איינע פון די תקשורים האט דניאל געזאגט: ווער עס ליינט עס, און ער האט צער טאמער ער איז פון די ערב רב, דער איז זיכער נישט פון די ערב רב, אבער אויך אויב ער האט נישט קיין צער מיינט עס נאך נישט אז ער איז פון די ערב רב.

---------------------------------------------

## ***<u>11 ווען דער ראזער באלאן וועט זיך צופלאצן</u>***

א תיקשור פון דניאל, ל' מנחם אב תש"ע
ש. מיר באקומען פיל מאל בריוון וואס קריטיקירן אונזערע מסרים צו די אידן אין חו"ל זיי זאלן קומען אהער, און בפרט אויפן פרסום פון ניסן תשס"ט, א מסר צו די אמעריקאנער אידן, איר זענט אין א גרויסע סכנה עס איז כדאי אנצופאנגען איינפאקן די פעקלאך און זיך רוקן צום ריכטונג פון ארץ ישראל".
איין איד פון ניו –יארק שרייבט אונז, נו! באמת! וואס געשעהט? עס איז נישטא קיין אנדענק צו א סכנה, סתם גערעדט ווי קען מען אייך גלויבן? וואס זאלן מיר אים ענטפערן?
דניאל – א פיינער איד,
שוין עטליכע יאר וואס מיר זאגן אז מען דארף ארויף גיין קיין ארץ ישראל, און ווער עס האט אונז צוגעהערט אין אנפאנג האט געקענט רוהיג פארקויפן זיין הויז און זיין פארמעגן פארן פולן פרייז, און קויפן א גוטן הויז אין ירושלים, היינט ווער עס וויל, וועט קוים באקומען א האלבן פרייז, און טאמער וועט ער ווארטן נאך אביסל, וועט ער דאס אויך נישט באקומען, און ווען עס וועט ווארטן נאך אביסל איז אויך א ספק צו ער וועט קענען בכלל ארויפקומען, און דאס איז נאר דער גשמיות'דיגער זייט, פון דעם אויסלייגונג (סגנון) פון דיין בריוו איז קאנטיג אז דו האסט פארגעסן אז די חשובס'טע זאך וואס מען דארף טאן איז תשובה, עס איז דא אסאך זאכן אין דיין לעבן וואס דו דארפסט פארעכטן, אויב דו קומסט אהער אין לאנד צו נישט דאס איז נישט אזוי וויכטיג, וואס וויכטיג איז, דו זאלסט תשובה טאן, און אויב דו ביסט כביכול א חרדישער איד, מיינט עס נישט אז דו האסט נישט וואס צו תשובה טאן א אמת'ער איד, וואס טוט אמת'דיג תשובה, וועט אים ה' ראטעווען אין יעדן ארט.
פיינער איד, ווייזט אויס אז דו ווייסט נישט וואס פאסירט אין דיין מדינה, און ווייזט אויס אז דו פילסט זיך מער אמעריקאנער ווי א איד, אויב דו קענסט זאגן אז עס פאסירט גארנישט אין אמעריקע, אמעריקע איז נישט די זעלבע ווי פאר 20 יאר, און נישט ווי פאר 10 יאר, אפילו די גוים זעהען עס,און זיי זענען באדאגה'ט.
דו פיינער איד, איך וועל דאווענען אויף דיר, דו זאלסט עפענען דיינע אויגן און זעהן וואס עס פאסירט, נישט נאר אז דו ביסט אין א סכנה זייענדיג א איד, נאר אויך אלס אמעריקאנער ביסטו אין א סכנה, די אידן זענען אין א סכנה, און די גוים זענען אין א סכנה, אמאל איז אמעריקע געווען גרויס און שטארק, אבער היינט איז זי שוואך אויפן שוועל פון צו ווערן פארוואנדלט צו א דיקטאטרישע הערשאפט, מיט א עקאנאמישע לאגע אויפן שוועל פון צוזאמענפאל (התמוטטות), אין א עקאלאגישן מצב (ריינקייט פון די לופט) וואס דערשטיקט ביזן סוף, אפילו די צייטונגען פון די גוים אין אמעריקע שטעלן ארויס שרייענדע קעפלאך (כותרות) אז עס איז סוף וועלט, דו פיינער איד, איך האף זייער שטארק אז דו וועסט נישט געשעדיגט ווערן ווען דיין ראזער באלאן וועט זיך צופלאצן.
אידן אידן! וועקט זיך אויף, עפנט די אויגן, עפנט די הארץ עפנט די נשמה, קוקט וואס פאסירט ארום, קוקט זיך איין נאר דעם לעצטן מאנאט וואס האט פאסירט, ערד ציטערנישן, פייער בערג, ריזיגע נפט אויסרינונג (דליפת נפט) היץ כוואליעס (גלי חום) מיט שריפות, ריזיגע פארפלייצונגען אן א שיעור, נאטור טראגעדיעס (אסונות טבע) פאסירן יעצט אין די וועלט, פארלוסטן פון מיליארדן, מיליאנען מענטשן געשעדיגט אלעס ווערט פארוויקליכט ווי עס שטייט אין די נבואות אין די תורה, דער אויבערשטער שיקט אונז קלארע סימנים איינע נאך די צווייטע איר הערט? דאס איז דער סוף!
און ווען עס וועלן זיך עפענען די טויערן פון גאולה, וועלן פארשלאסן ווערן די טויערן פון תשובה, עס וועט נישט זיין נאך א געלעגנהייט.
טייערע אידן, באליבטע אידן, איר שפירט נישט די גאולה אין די לופט? איר הערט נישט דעם קול פון שופר אין רקע?.
קערט זיך צוריק אהיים, קערט זיך צוריק צום אמת, קערט זיך צוריק צו הקב"ה.

## *12 דער לעצטער טייל פון די היסטאריע*

א תקשור מיט בנימין און דניאל, אלול תש"ע

בנימין- איך וויל זאגן אפאר חשובע זאכן, פשוט'ע זאכן השי"ת זאל העלפן איך זאל קענען אראפשטעלן די בילד פון מצב מיט א שארפקייט און קלארקייט.

רוב מענטשן אין די וועלט דרייען זיך ארום כאילו עס פאסירט גארנישט, אבער צוזאמען מיט דעם טיף אין הארץ אין די קישקעס פילט מען א סכנה, מען פילט אז עפעס איז נישט גלאטיג, אבער מען וויל פארזעצן דעם געוויינליכן לעבן אין איינפירונג צייכן'ס (במרכאות כפולות) און אן צו געבן פאר די פאנטאזיע צו זעהן אדער פארשטעלן די שווערע פאסירונגען וואס טרעפן אונז טאג טעגליך, אזוי ווי די ערשיינונג אז דער וועלט קוגל (כדור הארץ) ענדערט זיך, און אין א טייל פון דעם ענדערונג איז זיכער דער מענטש שולדיג, און דאס איז זייער נישט געוואונטשן, ווייל דער מענטש (מענטשן) פאראורזאכט (גורם) ענדערונגען אין די נאטור נאר צוליב געלט גלוסטיגקייט און עס אינטערעסירט אים נישט וואס ער מאכט קאליע כל זמן ער וואוינט נישט אין דעם קאליעדיגן ארט, כל זמן ער ווערט נישט דירעקט געשעדיגט פון די קאליעדיגקייט, דער גרויסער ביישפיל צו אונזערע ווערטער איז מפרץ מכסיקו און די נפט וואס שטראמט נאכאנאנד אריין אין זיינע וואסערן, און די ערשיינונג קען ענדערן פיל חשובע זאכן און משפיע זיין שלעכט אויף די גאנצע וועלט.

יעדער איינער אין די וועלט ווייסט שוין, אז די וועלט שטייט פאר א ריזן וועלט מלחמה די שווערסטע מלחמה וואס איז אמאל געווען, דאס איז נישט קיין וויץ, ווייל פון דעם יאר פופציג ציטערט די וועלט פאר א נוקלעארישע מלחמה (מלחמה גרעינית) אין יאר 50 האבן נאר אמעריקע מיט רוסלאנד פארמאגט א אטאם באמבע, אבער היינט כמעט יעדע גרויסע מדינה פארמאגט דעם וויסנשאפט פון די זאך, און דערפאר שטייען מיר פאר אזא שווערע מלחמה, א פארטיליגונג'ס מלחמה וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, דאס איז זייער שרעקעדיג און יעדער איינער דרייט זיך ארום מיט דעם שרעק אין זיין באוואוסט זיין אדער אן זיין באוואוסט זיין (מודעות) עס איז פארהאן נאך א שרעק, פון די רעגירונגען, אין די גאנצע וועלט אין יעדע מדינה, אפילו אין די גרויסע אמעריקע, וואס זי איז שטענדיג געווען צום זייט פון אירע איינוואוינער, וואס זי איז דער סימבאל פון א דעמאקראטישע הערשאפט, וואס יעדער קען דארטן לעבן ווי ער וויל, אן קיין דיקטאטארישקייט, יעדער קען זיך בויען זיין שטוב, זיין משפחה, ארבעטן פארדינען קויפן, זיין ממש אין גשמיות'דיגן גן עדן, אויך אין אייראפע וואס איז אפשר קיינמאל נישט געווען צו דעמארקאטיש, און אויך אויף א קלענערן גשמיות'דיגן לעבנ'ס סטאנדארט (רמת חיים) האט מען אבער אויך געקענט לעבן גוט לכל הדעות.

אבער יעצט, ענדעקט זיך אז עס איז דא א גרופע פון פארצוקנדע (מטורפים) וואס זיי געוועלטיגן זיכער (לפחות) פון די צווייטע וועלט מלחמה, אדער נאך פון פריער, זיי געוועלטיגן און זיי האבן געוועלטיגט אויף די רעגירונגען סיי אין אמעריקע סיי אין אירופה וכו', און כמעט זיכער אויך אין מדינת ישראל.

ש. וואס מיינט פארצוקער'ס? (מטורפים)

ת. פארצוקערס איז קיין ווארט נישט, זיי הרג'נען מענטשן און עס הארט זיי נישט, עס ווערט ענטדעקט זייער גאנצע שלעכטס'ס מ'קען עס קלאר זעהן.

ש. ווי קען מען עס זעהן?

ת. אמאל איז געווען דער נשיא פון אמעריקע מיטן נאמען ז'ון קנדי, ער איז גע'הרג'עט



געווארן, מען האט אים גע'הרג'עט, נישט דער וואס מען זאגט אז ער האט אים גע'הרג'עט, נאר די גרופע, פון די מענטשן וואס האבן אים געוואלט פטור ווערן, ווייל ער איז נישט געגאנגען מיט זייער ריכטונג, ער האט נישט געטאן אלס וואס זיי ווילן, כדי זיי זאלן זיך קענען משתלט זיין אויך אויף אמעריקע און פארדינען פיל געלט.

ש. וואס איז מיטן מארד פון רבין?

ת. דער וואס האט געהרג'עט פאר רבין, איז נישט דער וואס האט געדריקט אויפן קנעפל, ווער עס האט באמת גע'הרג'עט רבין איז אויך פון יענע גרופע.

עס זענען געווען פיל מלחמות און פיל עקאנאמישע קריזיסן (משברים כלכלים) און די גרופע פון חשובע מענטשן גויים און אידן זיי ווילן זיך באהערשן אויף די וועלט צום ריכטונג פון זייער מיינונגען.

די ערשטע גרופע הערשט אין אמעריקע, ענגלאנד, און גאנץ אייראפע, די צווייטע אין רוסלאנד, אפילו אויב די רעגירונג רופט זיך יעצט א דעמאקראטישע, איז אבער דא דער סארט הערשאפט.

און יעצט וועט קומען די גרויסע מלחמה, און פארוואס א מלחמה? און פארוואס דוקא יעצט? ווייל למעשה האבן מיר א גרויסע טעכנאלאגישע וויסנשאפט, מיר האבן א מעגליכקייט צו מאכן שלום מיט די וועלט, און פונקט יעצט וויל מען א גאלאבאלע נוקלארישע מלחמה (מלחמת עולם גרעינית) פארוואס? נאר איינפאך אזוי זיי ווילן גיוועלטיגן.

ש. אויב זיי געוועלטיגן שוין אויף אמעריקע אייראפע און רוסלאנד וואס דאס איז שוין כמעט די גאנצע וועלט, איז אויף וואס האבן זיי נאך צו געוועלטיגן?

ת. דאס איז נישט גענוג, ווייל יעצט וויל איין גרופע באהערשן די צווייטע.

אויסער דעם איז דא נאך א שטופ, און דאס זענען די אראבער, די אראבער זענען א דריטע גרופע, וואס זיי זענען זייער גלויביגע, און אויך זיי ווילן באהערשן די וועלט כדי צו מאכן הערשן זייער איסלאם, און זיי ווילן זיין איבער יעקב און איבער עשו, זיי ווילן אינגאנצן געוועלטיגן, און א גרויסער טייל פון אט דעם גלוסטעניש צו באהערשן איז א רוחניות'דיגער, זיי זענען פארט קינדער פון אברהם אבינו, אונזערע שוועסטער קינדער, זיי גלויבן אין ה' זיי זענען גע'מל'ט. טאקע נישט אינגאנצן, זיי האבן געוויסע זכותים אבער דאס אלעס וועט זיך יעצט ענדיגן.

איז די אלע גרופעס גייען יעצט מלחמה האלטן, זיי וועלן זיין 2 גרופעס, (די דריטע גרופע וועט זיך באהעפטן צו די צווייטע) די צווייטע גרופע, -רוסלאנד, איראן, טורקיה, סין, צפון קוריאה, ונצואלה, ברזיל, אפשר נאך, און קלאר אז אויך די אלע אראבישע לענדער וואס ארום ארץ ישראל סורי' לבנון עזה וכו'.

אין די צווייטע גרופע די אראבער זעלבסט ווילן זיך באהערשן אויף די וועלט, רוסלאנד גלויבט אז צום סוף וועט זי באהערשן די אראבער אבער אין יעדן פאל זענען זיי יעצט צוזאמען אנקעגן אמעריקע, אייראפע, און מדינת ישראל.

און דערפאר איז דאס דער מצב היינט, מער און מער דערוויסן זיך און זעהען איין אז דער מצב איז זייער שווער, אסאך גויאישע צייטונגען רעדן וועגן דעם סוף פון די וועלט (סוף העולם) און די ארטאדאקסישע קריסטן (נוצרים אדוקים) רעדן אויך אויף משיח, זיי מיינען טאקע א צווייטן משיח וואס באשטייט נישט, אבער אין יעדן פאל רעדן זיי אויפן ענד פון די וועלט.

ש. וואס וועלן זיי פארדינען ווען די גאנצע וועלט וועט חרוב ווערן?

ת. לויט די נבואות, וועט רוב וועלט צוויי

דריטל אינגאנצן חרוב  ווערן, אדער שווער געשעדיגט ווערן.

דער אויבערשטער פארשטעלט זיי פשוט די אויגן, זיי זעהען נישט און טראכטן נישט, יעדער איינער איז זיכער אז ער וועט זיך באהערשן אויפן צווייטן, אזוי ווי אין דור הפלגה זיי פירן מלחמה רח"ל מיטן אויבערשטן, אבער עס איז דא אינגאנצן נישט קיין מלחמה, ווייל ה' וועט זי ענדיגן מיט אזעלכע וואונדערליכע קלעפ פיל מער ווי אין מצרים אבער פריער וועט זיין א מלחמה.

ש. וואס וועט זיין מיט די אידן?

ת. ווער עס קערט זיך צוריק צום אויבערשטן אין די טעג, פאר די מלחמה, וועט בלייבן און ער וועט אנקומען צום עולם הבא און צו משיח און צו די אייביגע וועלט דערנאך בעז"ה, אבער ווער עס איז באהאפטן צום שקר געהערט אוודאי צו די סטרא אחרא, ער איז ערב רב אדער עמלק, נישט קיין אונטערשייד זיי קומעןביידע פון עשו אויך צווישן אונז איז דא פיל ערב רב און עמלק און דערפאר אויב איר וועט פרעגן וויפל אידן וועלן בלייבן? עפעס אזוי ווי די צאל אידן וואס זענען ארויס פון מצרים, אזוי זעהט אויס, איך ווייס נישט, דאס אלעס ווייסט נאר דער אויבערשטער.

און ווען דאס וועט זיין? קען איך אויך נישט זאגן, איך קען נאר זאגן אז אין נאנטן צוקומפט בעז"ה.

און עס איז כדאי פאר יעדן מענטש וואס האט שכל אויך אידן און להבדיל גוים, צו אנפאנגען תשובה טאן.זיך צוריקערן צום אמת ווייל עס איז אמת'דיג נישטא צייט. און איך מיין אז יעדער מענטש וואס ווייסט אביסל וואס עס גייט אן אין די וועלט, קען שוין זעהן אז אלעס איז גרייט, רוב נבואות זענען שוין פארוויקליכט געווארן, און מיר זענען יעצט גרייט צום לעצט טייל פון די היסטאריע פאר משיח.

ש. פארוואס איז דא אזא קעגנשאפט (התנגדות) צו צניעות?

דניאל - צווישן די אידן איז פארהאן פיל ערב רב, ווי מיר האבן שוין פריער געשריבן, דאס איז לויטן אריז"ל לויטן גאון, דער אמרי חיים וכו', און יעצט זענען מיר אין לעצטן דור און מיר זענען פול מיט ערב רב און עמלק, צווישן די פרייע און אויך צווישן די פרומע.

און דערפאר, וואס טוען די ערב רב? און עקסטער צווישן די פרומע? זיי ציהען די פרומע צום שקר, און וואס איז דער שקר? דער שקר דאס איז די גשמיות, די מאטעריעלקייט (חומר) דער עגל הזהב און דארטן ציהט מען זיי, מיט אסאך זאכן מיט א הכשר אפילו מיטן הכשר פון די עדה החרדית עס איז דא צום ביישפיל א ארט פון גלידה און פיצה אדער אנדערע סארט עסנס פון גאס מיט קליינע טישלאך, עס זיצן דארטן מענטשן וואס האבן נישט אזוי וואס צו טאן, נאר זיצן און עסן און פלאפלען (לפטפט) פרויען מיט מענער אין א צושטופטן פלאץ, דאס איז נישט כשר, אפילו ווען די עסן איז כשר, דאס פאסט נישט פאר א ערליכער איד, דאס איז גאסיש, דאס איז א גויאישער סלענג, נישט פאסיג פאר אונז, עס איז דא פיל נאשערייען (חטיפים) אדער געטראנקען מיט עקלדיגע בילדער וואס געהערן צום גאס, וואס געהערן צו גוים, נישט צו אידן, איז אפילו אויב די עסן אינווייניג איז מיט א הכשר אבער דער איינפאק איז טרייף, און אונזערע קינדער קויפן עס, זיי זעהען די בילדער זיי ליינען די עקלדיגע אויסשריפטן (סממאות) וואס שטייט אויף דעם, און דאס איז משפיע, די ארבעט פון די ערב רב איז צו אפקילן די אידישקייט פון דעם איד, אים צו ציען פון זיין רוחניות צו גשמיות.



און דערפאר ווען עס איז דא א גרופע פון פרויען און מיט די צושטימונג פון זייערע מענער טוען זיי זיך אן אזוי ווי די אמאליגע מאמעס, מיט לאנגע ברייטע קליידער מיטן פארטאך מיטן צודעק פון קאפ, א שאל א רדיד, אזעלכע פרויען שטערן פאר די סטרא אחרא, ווייל דאס ציט די הארץ פון די אמת'ע אידן, און עס קערט זיי צוריק צום אמאל, און דאס קענען די ערב רב נישט ליידן, ווייל דעמאלס קענען זיי זיך נישט באהערשן אויף די אידן, און זיי צוריקציען אין מצרים, און דאס שטערט זיי, און די ערב רב דאווענען כאילו צום אויבערשטן, אבער באמת דאווענען זיי צום עגל הזהב.

פון אלעס וואס מיר האבן געהערט ביז היינט, וואס דארפן מיר טאן? מיר דארפן פארשטיין אז די וועלט איז שקר, די וועלט איז געווארן אזוי פארפלאנטערט, און אזוי פארמישט מיטן שקר, אז מען קען שוין בכלל נישט וויסן אוואו עס איז דא אמת, דעריבער, כדי צו אנקומען צום אמת, דארפן מיר זיך פארמאכן אינגאנצן פון דעם שקר, זיך ארומנעמען מיט מויערן (חומות) און זיך צוריקערן צום אמת פון אויבערשטן דער אמת וואס איז באמת אמת, און דאס קען מען טאן נאר דורכן לעבן א לעבן פון אמת'ע אידישקייט פון אינדערפרי ביז ביינאכט און פון ביינאכט ביז אינדערפרי זיך משתדל זיין צו טאן וואס הקב"ה וויל, נישט וויניגער.

און מיר מוזן, מיר מוזן זיך צושיידן פון די ארומיגע וועלט, ווייל אויך די חרדישע וועלט איז פול מיט שקר, און כדי צו ראטעווען די אמת'ע תורה מוזן מיר זיך פארמאכן און בויען מויערן, סיי אמת'ע און סיי רוחניות'דיגע ארום אונז, עס איז נישטא קיין אנדער ברירה, אויפהערן צו דאווענען צום עגל הזהב, און אויפהערן צו מאכן פארשידענע גויאישע זאכן, כאילו וואס מען מעג (בהכשר).

מיר מוזן צוריקגיין צו די אמאליגע אידישקייט, אין אלע צייטן איז טאקע געווען אזעלכע וואס האבן געוואלט דעם עולם הזה אבער יעדער פון אונז פארשטייט וואס איך מיין ווען איך זאג צו די "אמאליגע אידישקייט" איך מיין נישט די יארן פן די השכלה וואס האבן קאליע געמאכט אייראפע און צום סוף האט ה' פארלענדעט רוב קהלות אייראפע, ווייל זיי זענען אנטלאפן פון אים, און זיי האבן געוואלט זיין ווי די גוים.

ש. וואס מיינט בויען מויערן (חומות) ארום אונז.

ת. זיך נישט דרייען אין גאס אן קיין בארעכטיגטע סיבה, האלטן די קינדער אין שטוב די מערסטע וואס איז מעגליך, די פרויען זאלן ארויסגיין פון שטוב נאר אויף די וויכטיגסטע געברויכן צו קויפן עסן, צו שמחות שיעורים וכדו' זיך נישט דרייען ביינאכט שפעט, זיך משתדל זיין די שטוב זאל זיין ריין פון די גאסיגע פארגרעבטקייט דאס איז די גשמיות'דיגע טייל.

אין רוחניות זוכן נאר דעם אויבערשטנ'ס נאנטקייט, לעבן נאר אויף צו טאן זיין ווילן, בויען א שטוב פון קדושה א שטוב וואס זאל זיין אזוי ווי א בית המקדש.

בנימין – איך וויל אייך זאגן אז כדי צו אפשיידן צווישן אונז מיט די גוים, און די ערב רב וואס זענען צווישן אונז מוז מען באמת צוריקגיין צו די אמאליגע צניעות אז די פרוי איז צוגעדעקט אין שטוב, און ווען זי גייט ארויס אינדרויסן איז זי צוגעדעקט נאכמער, און נאך בעסער אזוי ווי מיר האבן פריער דערמאנט, די מענער זאלן אינגאנצן נישט קוקן אויף פרויען, נישט קיין אונטערשייד וועלכע, היטן שטארק אויף די קדושה, אויסלערנען אויך די קינדער צו היטן אויף די קדושה און דעמאלס קען מען דערגרייכן צום עולם הבא צו די טעג פון משיח און צו תחית המתים בעז"ה.

## 13 איך נעם ארויף טרערן אין מיינע אויגן

א תקשור נאכן פיגוע וואס עס זענען גע'הרג'עט געווארן 4 אידן פון בית חגי ט"ו אלול תש"ע

ש. דו קענסט אונז עפעס זאגן אין באצוג צו דעם פיגוע?

דניאל – דיין פראגע ברענגט מיר ארויף טרערן אין די אויגן. צו זענען די 4 אידן די ערשטע אדער די לעצטע וואס גייען ארויף אין הימל אויף קידוש ה'? נאר פאר א קורצע צייט זענען 7 מענטשן א גאנצע משפחה אפגעמעקט געווארן, און שוין האט מען פארגעסן אויסער די משפחה מען האט געזאגט אז זיי זענען קרבנות פארן דור. און אויך אויף די נעכטיגע 4 אידן וואס זענען ערמארדעט געווארן וועט מען זאגן אז זיי זענען קרבנות פארן דור, אז זיי זענען געפאנגען צוליב אונזערע עבירות אבעראויך זיי וועט מען פארגעסן ביז א וואך, ווייל מיר זענען פריילאך, אז די זענען געגאנגען כדי מיר זאלן קענען פארזעצן צו לעבן, מיר פארשטייען נישט אז אויב זיי זענען געגאנגען אויף קדוש ה', אויב זיי זענען געווען קרבנות פאר אונזער דור, פארפליכטעט עס אונז צו תשובה טאן, די וועלכע בלייבן מוזן ערגענצן די קרבנות אויף די וועלט און תשובה טאן, און וואס איז די וויכטיגסטע תשובה? זייער איינפאך, זיך אומקערן צום אמת, זיך אומקערן צום אויבערשטן און צו זיין תורה, און איך רעד יעצט נישט פון אזעלכע מענטשן וואס זענען ווייט פון תורה ומצות, איך רעד אויף די חרדישע אידן, וואס מערסטנס פון זיי לעבן א לעבן כאילו פון חרדישע אידן, אבער באמת אין זייער הארץ ווילן זיי דעם עולם הזה מיט זיין גאנצע מאטריעלישקייט (חומריות) און אלע גלוסטענישן וואס איז דא דא. מיר מוזן זיך אומקערן צו די אמת'ע אידישקייט, צו די איינפאכקייט (פשטות) און צו נאכטאן די גוים מיט א הכשר און איך וועל יעצט נישט אריינגיין אין איינצעלהייטן, נאר אויב דו ווילסט עס זאל דיר זיין מער קלאר ליין אונזערע פריערדיגע באשרייבונגען, בערך 50 אין צאל אין דעם נושא, וועסטו קענען תשובה טאן, ברוך דיין האמת...

טייערע אידן! ביטע העלפט אונז צושפרייטן דעם אמת, העלפט אונז ראטעווען נאך אידן און ברענגען די גאולה שלימה מיט רחמים. די מסרים ווערן געשיקט אומזיסט אין פאסט אדער אין פאקס, פאר מער פרטים ווענדעט זיך צו: 0527-120-948



# לע״נ

יעקב יוסף בן אברהם הלוי
חיה הינדה בת שמריהו הלוי
מרדכי בן אברהם
אסתר בת בלה חיה
נתן בן יעקב יוסף הלוי
מאיר בן יעקב יוסף הלוי
נחמיה בן פסח
פסח בן אריה הי״ד
ברוך בן אריה
שרה בת גיטל
ירחמיאל בן פסח הי״ד
אריה בן פסח הי״ד
צבי בן פסח הי״ד
לוי בן פסח
ברכה בת משה חיים

ת. נ. צ. ב. ה.